״אַרטסקראַל״ - און תורה־ לערנען אויף ענגליש

פיל טויזנטער אַמעריקאַנער געבוירענע און ענגליש־רעדענדע אידן איבער דער גאַנצער וועלט לערנען היינט תורה אַ דאַנק די אויסגאַבן פון דעם גרעסטן אָרטאָדאָקסיש־ענגלישן פאַרלאַג ״אַרטסקראַל״. — דער פאַרלאַג איז ערשט עטאַבלירט געוואָרן מיט צען יאָר צוריק און האָט שוין אַרויסגעגעבן 115 ספרים וואָס זענען אַן אומדערשעפּליכער אוצר פון תורה וויסן און השקפה.

• פון אחי שמשון רפאל

נאָך צען יאָר — אַ פאַרדינטע סעודת הודאה

מיט בערך צוויי חדשים צוריק, אין די וואָכן צווישן פסח און שבועות, ווען פיל חשוב'ע תורה־מוסדות האַלטן אָפּ זייערע יערליכע באַנקעטן, האָב איך געהאַט די געלעגענהייט אַנטייל צו נעמען אין אַ באַנקעט וואָס איז געווען אייגנאַרטיק אין איר פאָרם ווי אין איר תוכן.

הגם ס'איז דאָרט אָפּגעמערקט געוואָרן אַ גאָר וויכטיקע און דערהויבענע דאַטע אין אונזער אָרטאָדאָקסישער וועלט — און אַ דאַטע וואָס האָט פאַרדינט געפייערט צו ווערן ברוב עם — איז עס געווען גאָר באַשיידן. ס'איז געווען אַ באַנקעט וואָס איז ניט אַנאָנסירט געוואָרן אין דער פּרעסע; קיינער פון די באַטייליקטע האָט ניט באַצאָלט פאַר זיין איינטריט; ניט געווען דאָרט קיין זשורנאַל מיט באַגריסונגען און דאָס סאַמע וויכטיקסטע — ס'איז דאָרט אַפילו ניט געמאַכט געוואָרן קיין אַפּיל.

בקיצור, איז דאָס געווען אַ סעודת־הודאה, וואָס עס האָבן געגעבן פאַר זייערע פריינט און מיטאַרבעטער די גרינדער און אינהאַבער פון דעם גרעסטן און פּאָפּולערסטן אָרטאָדאָקסישן פאַרלאַג אין אַמעריקע ״אַרטסקראַל״ און ״מסורה״־פּובליקאַציעס.

צען יאָר אין דער געשיכטע פון אַ אינטערנעמונג לטובת הציבור, איז זעלטן ווען אַ תקופה, וועגן וועלכער עס לאָזט זיך אַסך זאָגן. גרויסע און אַוודאי אייביק־ווערטיקע ווערק פון וועלכע עס געניסן טויזנטער און טויזנטער מענשן איבערן גאַנצן כדור הארץ, ווערן ניט געבוירן אין אַ קורצן צייט־שפּאַן, בפרט נאָך ווען דאָס איז די אונטערנעמונג פון יחידים.

אַנדערש אָבער איז עס מיט ״אַרטסקראַל״ אין מסורה־פּובליקאַציעס, דער פאַרלאַג וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן תורה־וויסן און תורה'דיקע ליטעראַטור אויף ענגליש. אין פאַרלויף פון בלויז צען יאָר האָט זי די אידישע וועלט מזכה געווען מיט אַזויפיל ברכה און מיט אַזאַ אוצר פון אידישן וויסן און גייסט, אַז ס'איז אָפּטמאָל ממש אומגלויבליך אַז דאָס איז מעגליך, יאָ עס פעלן פּשוט גענוג ווערטער דאָס פול אָפּצושאַצן. מיר וועלן כלל ניט מגזם זיין ווען מיר וועלן זאָגן, אַז די ״אַרטסקראַל״ אין ״מסורה״ פּובליקאַציעס האָבן מיט זייער תורה'דיקער ליטעראַטור אויף ענגליש מיט זיך געבערענגט אַ געבענשטע מהפיכה אין אַמעריקע. די אַרויסגעבער פון ״אַרטסקראַל״ און ״מסורה״ האָבן פאַר דעם זכות צו קענען ווערן אַזעלכע גרויסע מזכי את הרבים, זיכער געהאַט אַ גרונט צו מאַכן אַ סעודת הודאה.

תורה מיט די כלים פון אַנדערע שפּראַכן

איך גיב מיר אָפּ אַ דין וחשבון, אַז דער אויסדרוק ״תורה אויף ענגליש״ אָדער ״תורה'דיקע ליטעראַטור אין ענגליש״ קלינגט אַביסל מאָדנע אין די אויערן פון מזרח־אייראָפּעאישע אידן פאַר וועמען תורה איז פאַר אַלע יאָרן געווען ענג געקניפּט און געבונדן מיט לשון הקודש און מיט אידיש. אַוודאי וואָלטן זיך פיל געוואונשן, אַז אָט די הייליקע מסורת האבות זאָל אויך אַזוי פאַרבלייבן. אָבער נאָכדעם ווי דאָס איז אָפּנים ניט דורכפירבאַר, דאַרף מען זיך פרייען און אויסדריקן אַ הכרת הטוב צו אַלע וואָס האָבן באַוויזן אויך דורך דער שפּראַך פון דעם נייעם לאַנד ממשיך צו זיין און צו פלעגן דעם אייביקן און אויך אויטענטישן גייסט פון תורה, און אַפילו אויך מחדש זיין אין תורה מיט די כלים פון אָט דער שפּראַך.

מען דאַרף דערביי נעמען אין באַטראַכט, אַז דאָס איז כלל ניט ניי אין דער אידישער געשיכטע. אַ היבשע צאָל אַלטע און וויכטיקע הייליקע תורה־ווערק אין אונזערע ספרים־שענק זענען געשריבן אין ״לע״ז״. דער פּירוש המשניות פון רמב״ם איז געשריבן געוואָרן אין אַראַביש און אַזוי דער ספר המצוות להרמב״ם. אויך אַזאַ גרויס און הייליק מוסר־ספר ווי דער חובת־הלבבות, דורך וועלכען אידן זענען פאַר לאַנגע דורות נתעורר געוואָרן צו אַ טיפערן יראת שמים און אַזויפיל מידות טובות איז פאַרפאַסט געוואָרן אין אַראַביש, די שפּראַך וואָס די אידן האָבן בשעתו גענוצט. אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט רבי שמשון רפאל הירש אין פראַנקפורט אָנגעשריבן אַ צאָל תורה־חיבורים פון אייביקן ווערט אויף דייטש. דאָס זעלבע האָט געטאָן רבי מאיר לעהמאַן אין מאַינץ. און אויף זייער אינספּיראַציע איז דאָרט אויסגעוואַקסן אַ גייסטרייכע תורה־ליטעראַטור, אויף וועמענס שויס ס'זענען דערצויגן געוואָרן תורה־באַוואוסטזיניקע און תורה־געטרייע דורות.

פּירושים אויף תורה אין אַנדערע שפּראַכן איז בכן, ווי מיר זעען, ניט אַ נייע דערשיינונג. און אפשר איז דאָס אויך אַ פּשט אויף דעם וואָס די חז״ל זאָגן אונז אַז ״שמע — בכל לשון שאתה שומע״. עס איז ניט נאָר אָפּט־מאָל נויטיק, נאָר עס איז אויך בפירוש מעגליך צו לערנען תורה, און זיך באַרייכערן מיט ידיעות התורה מיט דער הילף פון אַנדערע שפּראַכן.

״אַרטסקראַל״ האָט דאָס נאָך שטאַרקער באַשטעטיקט מיט די יותר מ״מאה עדים״ פון זייערע ביזאַיצטיקע ספרים אויף פיל מקצועות התורה.

די ערשטע פּיאָנערן פון תורה אויף ענגליש

למען האמת דאַרף מען דאָ אין סאַמע אָנפאַנג געבן אַ גרויסן קרעדיט די ערשטע אַרויסגעבער פון תורה־שריפטן אין ענגליש. זייער פאַרדינסט איז באַזונדערס גרויס דערמיט וואָס זיי זענען געווען די פּיאָנערן. מען דאַרף

די רעדאַקטאָרן פון די ״אַרטסקראַל״ ספרים הרב מאיר זלאָטאָוויץ און הרב נתן שערמאַן ביי זייער אַרבעטס־טיש אין ״אַרטסקראַל״־הויז אין פלעטבוש.

באַזונדערס אַרויסהויבן דעם פאַקט, אַז זיי האָבן זיך דערצו גענומען אין אַ צייט ווען די קאָנסומענטן פאַר אַזעלכע ספרים זענען ניט געווען אַזוי צאָלרייך ווי זיי זענען ב״ה היינט צו טאָג. עס דאַרפן למשל, דערמאָנט ווערן די אויסגאַבן פון דער ״דזשואיש לייברערי״ וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן נאָך אין די צוואַנציקער יאָר הרב דר. אלי' יאַנג; די ״דזשואיש פאַקעטס־בוקס״ וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן די צעירי אגודת ישראל אין אמעריקע (מיט דער הילף פון דער ספערא־פאָנדיישאַן); די פּובליקאַציעס פון ישיבה־אוניווערזיטעט, די ״סי־עס־וויי״ און לובאַוויטש.

איינער פון די וויכטיקע פּיאָנערן אויף אַ ברייטערן פאַרנעם איז געווען דער פעלדהיים־פאַרלאַג געגרינדעט פון ר' שרגא יהודה פעלדהיים, איינער פון די גרויסע ספרים־פאַרלעגער וועלכער האָט נעבן אַ צאָל ספרי־קודש אין אָריגינאַל, זיך אין די פופציקער און זעכציקער יאָרן אויך פאַרמאָסטן אויף אַ גרעסערן פאַרנעם אַרויסצוגעבן תורה'דיקע שריפטן אין ענגליש. דער פאַרלאַג־פעלדהיים איז נאָך ביז היינט טעטיק מיט וויכטיקע אויסגאַבן.

נעבן דעם פעלדהיים־פאַרלאַג דאַרף אויך דערמאָנט ווערן די ״סאָנסינאָ״־פרעס אין לאָנדאָן מיט איר ש״ס איבערזעצונג אין ענגליש און אירע שריפטן פון רש״ר הירש אין ענגליש (בעאַרבעט פון דיין גרינפעלד ז״ל) און אַ צאָל ספרים פון הרב הערצאָג ז״ל. אין די זעכציקער יאָרן האָט זיך פאַרדינט געמאַכט די ״דזשודאַיקא־פּרעס״ מיט אירע חומשים פון רש״ר הירש, משניות־איבערזעצונג פון בלאַקמאַן און דעם ״תורה־קוואַל״ פון ר' אלכסנדר זושא פרידמאַן הי״ד. מען דאַרף אויך דערמאָנען דעם ״חרמון־פאַרלאַג״ אין ניו־יאָרק מיט פרידלענדער'ס ענגלישע איבערזעצונג פון ״פרקי דר' אליעזר״ און ענגלישע איבערזעצונגען פון די כתבים פון הרב ר״ד צבי האָפמאַן ז״ל.

אַלע די אויבנדערמאָנטע פּיאָנערן און זייער אַרבעט פאַרדינען אַ היסטאָרישן הכרת הטוב פון תורה'דיקן כלל ישראל פאַר העלפן אין דער

פאָטאָגראַפיע פון אַ טייל ״אַרטסקראַל״־אויסגאַבן

פאַרשפרייטונג פון תורה און השקפה ליטעראַטור אין דער ענגלישער שפּראַך. מיר גלויבן אָבער, אַז עס לאָזט זיך היינט אָן גוזמא זאָגן אויף ״אַרטסקראַל״ דעם פסוק פון ״רבות בנות עשו חיל ואת עלית על כולנה״.

צום ערשטן מאָל אַ פאַרלעסליכע תנ״ך איבערזעצונג מיט די קלאַסישע מפרשי־התורה

די פּראָדוקציע פון ״אַרטסקראַל״ איז נעמליך אַזוי רייך בכמות ובאיכות, אַז עס איז, ווי שוין געזאָגט, פשוט אוממעגליך אין אַ זשורנאַל־אַרטיקל זי אפילו בקיצור צו באַשרייבן אין דער פולער מאָס. זי נעמט היינט שוין אַרום העכער 115 אויסגאַבן און מיר וועלן זיך דעריבער מוזן קאָנצענטרירן בלויז אויף א טייל פון די סאַמע וויכטיקסטע.

אָנגעפאַנגען האָט ״אַרטסקראַל״, און איר ערשטער איניציאַטאָר **הרב מאיר זלאָטאָוויץ** מיט צען יאָר צוריק מיט אַ פירוש אויף מגילת אסתר. די אידעע איז לכתחילה געווען אַ צופעליקע. הרב מאיר פאָגעל ע״ה, אַ ידיד פון הרב זלאָטאָוויץ, (אים צו לאַנגע יאָרן) איז אַוועק אין זיינע בליענדע יאָרן און הרב זלאָטאָוויץ האָט געוואָלט עפעס טאָן לזכרו ולעילוי נשמתו. נאָכדעם ווי דאָס איז געווען אין די ווינטער חדשים איז אים געקומען אויפן רעיון ארויסצוגעבן אַ נייע ענגלישע איבערזעצונג און אַ פירוש אויף מגילת אסתר, און דאָס צו פאַרענדיקן צו די שלושים פון נפטר. צו הילף איז אים געקומען הרב נתן שערמאַן. דער אָפּרוף אויף דער דאָזיקער אויסגאַבע איז געווען אַזאַ גוואלטיקער, אַז אין צוויי חדשים זענען פאַרקויפט געוואָרן 32 טויזנט עקזעמפּלאַרן. אָבער דאָס איז ניט געווען די איינציקע ענטוזיאַסטישע אויפנאַמע. אַ צאָל פּראָמינענטע תורה־פּערזענליכקייטן, ראשי־ישיבה און מחנכים זענען אַזוי באַגייסטערט געוואָרן פון דעם פירוש, אַז זיי האָבן אויפגעפאָדערט הרב זלאָטאָוויץ ממשיך צו זיין די אַרבעט. אַזוי אַרום איז געבוירן געוואָרן דער רעיון פון ענליכע אויסגאַבן מיט א פירוש אויף די חמש מגילות, נ״ך און טאַקע אויך אויף די חמשה חומשי תורה. ביז איצט זענען דערפון דערשינען די חמש מגילות, די ספרי נ״ך פון יהושע, יחזקאל, תהלים, עזרא, דניאל און יונה און זעקס בענדער פון ספר בראשית. צו דעם זענען אויך צוגעקומען די ״אַרטסקראַל״ אויסגאַבן פון אַ פירוש אויף דער הגדה של פסח און אויך אַ ליקוט אויף דער הגדה בשותפות מיט דער צעירי אגודת ישראל.

אלע די אויסגאַבן — די נייע איבערזעצונגען ווי די פירושים — זענען אויפגענומען געוואָרן מיט אַ גוואַלטיקער התלהבות אין די ענגליש־רעדענדע און ענגליש לייענענדע תורה־קרייזן, שוין פשוט דערפאַר ווייל אַזאַ אוצר־התורה אין ענגליש איז פריער קיינמאָל ניט געווען בנמצא. אַ טייל פריערדיקע ענגלישע איבערזעצונגען פון תנ״ך, זענען ווייט ניט געווען צופרידנשטעלענד פון מסורה׳דיקן שטאַנדפּונקט. די איבערזעצונגען זענען דאָ און דאָרט ניט געווען באַזירט אויף די חז״ל, נאָר האָבן אויך געשעפּט פון פרעמדע מקורות. אַנדערע, פאַרפאַסט פון מער פאַרלעסלעכע מחברים, זענען אָפּטמאָל געווען געבויט מער אויף דרוש ווי ריינעם פשט, און דערצו איז אָפּט דער ענגליש געווען אַן אַלט־מאָדישער און פאַרנעפּלטער וואָס האָט שווער געמאַכט די הבנה. די ״אַרטסקראַל״ איבערזעצונג, אויף וועלכע עס ווערט שווער געאַרבעט, איז אַ לייכטערע און אַ קלאָרע, אָן די דערמאָנטע שוואַכע זייטן פון די פריערדיקע איבערזעצונגען.

אַ צוטריט צו די אוצרות פון מקוריות׳דיקער אידישער מחשבה

אָבער פון אַ פיל גרעסערע חשיבות איז דער ״אַרטסקראַל״־פירוש, וואָס איז פּאַקטיש אַ רייכע אַנטאָלאָגיע פון די אויטאָראַטיווסטע און אָנערקענטע פירושים. דער פירוש פון רש״י הק׳ ווערט דאָ באַלויכטן פון די גרויסע מפרשים אויף רש״י (ווי דער מזרחי, מהר״ל, לבוש א.א.) און דערצו האָט איר אָן אויסקלויב פון די פירושים פון רמב״ן, און אבן עזרא, וועלכע קריגן צייטנווייז אויף רש״י. אָבער דאָס איז ווייט ניט אַלץ, איר געפינט אויך דאָרט פירושים פון מלבי״ם, רש״ר הירש, בעל הכתב והקבלה, נצי״ב א.א. דערצו קומען אויך דאָ און דאָרט אַנדייטונגען פון מדרש און אויך בליציקע רעיונות פון גדולי החסידות והמוסר.

אַ וויכטיקער עלעמענט פון יעדער ״אַרטסקראַל״־אויסגאַבע פון די ספרי תנ״ך אָדער ספרים געווידמעט צו ימים טובים א.א. איז דער אַריינפיר (אָדער ווי ער ווערט אין ״ארטסקראַל״־ספרים אָנגערופן ״אָווערוויאו״ [איבערבליק] לרוב געשריבן פון הרב נתן שערמאַן, וואָס קען מיט רעכט באַצייכנט ווערן ווי אַ וויכטיקער חיבור פאַר זיך אַליין. אין די דאָזיקע ״אָווערוויוס״ איז הרב שערמאַן מסביר דעם תוכן פון ספר און זיין באַדייטונג. יעדער פון די ״אָווערוויאוס״ אַנטהאַלט אין זיך אַ טיפן אוצר פון אידישער מחשבה און השקפה. דער מחבר באַקענט דאָ דעם לייענער אָך לערנער מיט דעם געדאַנקען־וועלט פון אַזעלכע ארזי הלבנון ווי דער מהר״ל, חידושי הרי״מ, רבי צדוק הכהן, שפת־אמת, אבני־נזר, מכתב מאליהו א.א.

ס׳איז זיך לייכט פאָרצושטעלן וואָסער קוואַל פון תורה־וויסן און תורה־פאַרשטענדניס עס ווערט מיט אָט די פירושים סערווירט די ענגליש־לייענענדע וואָס אַ גרויסער טייל האָט ניט דעם צוטריט צו אַלע די פירושים אין אָריגינעלן לשון הקודש. מיט די דאָזיקע פירושים, אין קלאָרן ענגליש, לויכט ממש אויף פאַר די אויגן יעדער תורה־פסוק מיט אַ לעבעדיקייט. נאָכמער, איך וואָג צו זאָגן, אַז די פירושים אין דער ״ארטסקראַל״־סעריע פון די ספרי־תנ״ך זענען ניט נאָר פאַר די ועמען עס איז שווער צו לערנען די פירושים אין לשון הקודש. דער אמת איז, אַז אויך די וואָס זענען מסוגל אַליין צו לערנען אין אָריגינאַל אַ שטיקל רמב״ן אָדער אבן עזרא און אַליין מעיין צו זיין אין פירוש פון נצי״ב — אויב זיי קענען אויך לייענען ענגליש — קענען דאָ אָן באַזונדערער יגיעה פיל נהנה זיין פון דער דאָזיקער זאַמלונג פון פירושים.

משניות מיט מפרשים אויף ענגליש אויך פאַר בני־תורה

פון אַ באַדייטענדער חשיבות איז די משניות־סעריע וואָס ״אַרטסקראַל״ האָט אונטערגענומען און פון וועלכן עס זענען ביז איצט דערשינען עלף



ביי דער סעודת־הודאה פון ״אַרטסקראָל״ זעט מען דאָ אַ צאָל מיטאַרבעטער פון די ״אַרטסקראָל״ ספרים. פון רעכטס צו לינקס זענען: הרב ר׳ אהרן זלאַטאָוויץ (פאָטער פון הרב מאיר זלאַטאָוויץ), הרב דוד קאָהן, הרב דוד פיינשטיין און הרב יוסף עליאש

בענדער, די גאַנצע סדרים מועד און נשים, ווי אויך בבא קמא. גאָר בקרוב וועט אַרויסקומען די מס׳ שביעית, היות ווי תשמ״ז איז אַ שמיטה יאָר. די משניות׳ן אין ענגליש איז צום רוב די אַרבעט פון הרב הערש גאָלדוואַרם, אַ גרויסער למדן מיט אַ כשרון פון הסברה וואָס איז באמת צו באַוואונדערן. און ״אַרטסקראָל״־משניות האָט איר פיל ענליכע מעלות, ווי אין דער תנ״ך סעריע. קודם כל די איבערזעצונג. זי איז לגמרי אַ נייע און אַ מער צוגענגליכע. און דער פירוש — אַן אויסגעקליבענער פון אַלע קלאַסישע מפרשי המשנה וואָס מאַכט דאָס לערנען משניות פאַר אַ גוואַלטיקן תענוג־רוחני.

און ווידעראַמאָל דאָס זעלבע. דער דאָזיקער פירוש איז טאַקע לכתחילה געמאַכט פאַר די וועמען עס איז שווער אַליין צו לערנען משניות מיטן ברטנורא, תפארת ישראל, תוספות יו״ט וכו׳. אָבער דער אמת איז, אויך בני־תורה, וועלכע זענען מסוגל אַליין צו לערנען משניות און גמרא, קענען זיך העלפן מיט דעם פירוש און קענען פון אים געניסן גאָר אַ סך.

דער פירוש המשניות פון ״אַרטסקראָל״ רופט זיך ״יד אברהם״ נאָך דעם יונג פאַרשניטענעם אברהם יוסף גליק ע״ה. די משנה אַרבעט ווערט ערמעגליכט דורך דער שטיצע פון זיינע עלטערן מר. און מרס. אליעזר הכהן גליק, באַוואוסטע און באַליבטע שטיצער פון תורה און חסד טעטיקייטן.

סידור און מחזורים פאַר אַ מער הבנה׳דיקן און כוונה׳דיקן דאַוונען

עס איז מיר פערזענליך אוממעגליך צו שרייבן וועגן די ״אַרטסקראָל״־אויסגאַבן און ניט אַרויסהייבן דעם ״אַרטסקראָל״ סידור. איך שטעל זיך אפשר באַזונדערס אָפּ אויף דעם סידור, צוליב דעם פערזענליכן נחת־רוח וואָס אָט דער סידור גיט מיר און דאָס געפיל וואָס איך האָב, אַז זינט איך האָב זיך מיט אים באַקענט, האָט עס פאַרטיפט מיין הבנה און די כוונה פון דאַוונען. דער סידור איז, ווי פיל אַנדערע אויסגאַבן פון ״אַרטסקראָל״, אַ מייסטער־ווערק פון גאָר גרויסן פאַרנעם, אַ מלאכת אומן וואָס ״אין גומרין עליו את ההלל״.

נעבן דעם סידור דאַרף אויך דערמאָנט ווערן די שבת־זמירות אויסגאַבע פון ״אַרטסקראָל״. אין דאָזיקן ספר זענען צום ערשטן מאָל איבערגעזעצט אין ענגליש דורך הרב נתן שערמאַן די זמירות, און זענען דערביי פאַרזען מיט אָריגינעלע און גייסטרייכע פירושים, וואָס אַנטפּלעקן מחיה׳דיקע וועלטן אין די מזמורי שבת און אין זייערע הייליקע מחברים.

ענליך צום סידור איז דער מחזור אויף ראש־השנה און ס׳איז ווירקליך דערפרייענד די נייעס, אַז טאַקע נאָך אויפן קומענדן יום־כיפור וועלן מיר אויך האָבן אַן ״אַרטסקראָל״ מחזור אויף יום־כיפור. הגם איך דאַוון אין אַ חסידים־שטיבל, וועל איך זיך כלל ניט זשענירן דאָרט אַהין מיטצונעמען דעם ענגלישן מחזור בכדי בעסער צו באַנעמען דעם זין פון די יום־כיפורדיקע תפילות און באַזונדערס פיל פיוטים וואָס איך, (און געוויס צוזאַמען מיט מיר אַ צאָל פון מיינע לייענער) האָבן קיינמאָל אַפילו ניט פרובירט צו פאַרשטיין...

תורה־געטרייע אידישע געשיכטע פאַר דערוואַקסענע און יוגנטליכע

די אַרויסגעבער פון ״אַרטסקראָל״ האָבן זיך אויך פאַרדינט געמאַכט מיט די אויסגאַבן פון א.ג. ״היסטאָריע סעריע״. אין דער ערשטער ריי קומט דאָ די איניציאַטיווע פון אַרויסגעבן אַ תורה־געטרייע אידישע געשיכטע. די ערשטע צוויי בענדער פון אָט אַזאַ ״אידישע געשיכטע״ זענען שוין דערשינען און איבעריק צו זאָגן ווי וויכטיק עס איז אַזאַ ווערק פאַר יונגע ווי פאַר דערוואַקסענע. בעת עס פעלן ניט קיין ווערק פון א.ג. ״אידישע געשיכטע״ האָבן מיר ביז היינט לגמרי ניט קיין אידישע געשיכטע אין ענגליש אין תורה׳דיקן גייסט. בלית ברירה פאַסירט גאַנץ אָפט, אַז די וואָס האָבן אַ חוש און אינטערעס פאַר געשיכטע, ווענדן זיך צו בורות בארות נשברים, געשיכטע־ווערק אין וועלכע די אידישע היסטאָריע קומט אַרויס אַ פאַקריפּעלטע און צעקאַלעטשעטע. ״אַרטסקראָל״ וועט מיט איר אידישע געשיכטע אין תורה־געטרייען גייסט דאָ מתקן זיין אַ תיקון גדול ממש.

די היסטאָריע־סעריע פון ״אַרטסקראָל״ נעמט שוין איצט אַרום אַ גאַנצע ריי אַנדערע ווערק וואָס ניט אַלע לאָזן זיך דאָ אַרויסרעכענען. מיר קענען אָבער ניט דורכלאָזן פון דערמאָנען אַ צאָל פון זיי וואָס פאַרנעמען זיך מיט אידישע געשיכטע פון די לעצטע צוויי־דריי דורות: 1) די ביאָגראַפיע פון הגאון ר׳ יוסף חיים זאָנענפעלד (פון זיין אייניקל הרב שלמה זלמן זאָנענפעלד); 2) די ביאָגראַפיע פון הגאון ר׳ אלחנן וואַסערמאַן הי״ד איבערגעאַרבעט פון דעם ספר אין לשון קודש פון הרב אהרן סורסקי, מיט דער נאָענטער צוזאַמענאַרבעט פון הרב ר׳ שמחה וואַסערמאַן; 3) די ביאָגראַפיע פון ״חפץ חיים״ פון הרב מ.מ. ישר; 4) די געשיכטע פון דער גרויסער הצלה־העלדין פרוי רעכא שטערנבוך (פון יוסף פרידענזאָן און דר. דוד קראַנצלער); 5) די ביאָגראַפיע פון באַרימטן גאון וצדיק רבי מיכאל דוב ווייסמאַנדל ז״ל פון אברהם פוקס; 6) ישיבה־זכרונות פון דער לעצטער וועלט־מלחמה (פון הרב משה חיים פעקער) און 7) די קורצע געשיכטע פון אגודת ישראל אין אַמעריקע. גאָר אַ סך קען מען לערנען פון די דערמאָנטע געשיכטע ווערק.

די ביאָגראַפיע פון ר׳ יוסף חיים זאָנענפעלד, למשל, וועט זיכער פיל פון אונזער יונגען דור העלפן בעסער פאַרשטיין דעם קאַמף וואָס גייט היינט אָן פאַר קדושת הארץ און אַ תורה׳דיק ארץ ישראל. עס וועט גלייכצייטיק אויך די לייענער באַפרייען פון פיל מיסקאָנצעפציעס וועגן דאָזיקן קאַמף וואָס ווערט פאַרשפרייט פון געוויסע קרייזן וועלכע מאַכן זיך פאַרגעסן, אַז ר׳ יוסף חיים זאָנענפעלד האָט ניט בלויז געקעמפט קעגן די ציוניסטן, נאָר האָט דווקא גערופן פרומע אידן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און צו שטאַרקן דעם דאָרטיקן תורה־ישוב.

אין דער ביאָגראַפיעס פון ר׳ מיכאל בער ווייסמאַנדל און פרוי רעכא שטערנבוך וועלן אידן פיל לערנען וועגן לעצטן חורבן אין די הצלה ראָל פון תורה־אידן אין דער שרעקליכער תקופה. אין די זכרונות פון קלעצק, וועלן אונזערע יוגנטליכע פיל לערנען וועגן דעם גלאָרייכן ישיבה־לעבן פאַרן חורבן און פון דער געשיכטע פון אגודת ישראל אין אַמעריקע וועט דער יונגער דור אַנטדעקן גאָר אינטערעסאַנטע פאַקטן וועגן דער געשיכטע און אַנטוויקלונג פון תורה־לעבן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

אין די ראַמען פון די געשיכטלעכע ווערק פון ״אַרטסקראָל״, דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן די געשיכטע־ביכער פאַר דעם יונגערן אונטערוואַקסענעם דור. גאָר גרויס אַנערקענונג קומט ״אַרטסקראָל״ פאַר אירע פילע אויסגאַבן פון אידישע געשיכטע פאַר יוגנטליכע, באַזונדערס די פּאָפּולערע ביאָגראַפיעס פון אַ גרעסערע צאָל גאונים און צדיקים פון דער לעצטער תקופה. די ברילאַנטענע שפּראַך ווי דער תוכן פון די דאָזיקע ביאָגראַפיעס, אָטעמען מיט אמונת צדיקים, אהבת ישראל און באַהאַרציקטן מוסר פאַר גוטע מידות און יראת שמים, וואָס קענען ניט פאַרפעלן צו בעאיינדרוקן און האָבן אַ געבענשטע השפעה אויף די יוגענטליכע וואָס לייענען זיי.

תורה־אַנטפּלעקונג פאַר פיל טויזנטער אידן אויף דער גאַנצער וועלט

די פאַרדינסטן, אָדער אפשר ריכטיקער געזאָגט, די זכותים פון ״אַרטסקראָל״ פאַר הויבן דער ניוואָ פון תורה־וויסן צווישן אַמעריקאַנער אידן, יונג ווי אַלט, זענען אַזוי באַדייטענד, אַז זיי זענען, ווי שוין געזאָגט ביים אָנפאַנג, אַזעלכע גרויסע, דאָס זיי לאָזן זיך גאָרניט גענוג אָפּשאַצן.

עס געניסן פון זיי אין דער ערשטער ריי פיל טויזנטער אין טויזנטער אידן וואָס האָבן אין זייערע יונגע יאָרן גאָר ווייניק געלערנט. דערצו איז אויך ניט קיין סוד, אַז אויך די וואָס האָבן געלערנט אין אַ ישיבה קטנה, און אַפילו אַ פּאַר יאָר אויך שפּעטער, (און דאָס איז דאָך דער רוב אידן אין אַמעריקע), קענען זיך אין די שפּעטערע יאָרן שווער ספּראַווען ווען עס קומט אַפילו דורכצולערנען

אויף דער סעודת הודאה פון ״אַרטסקראָל״ פון רעכטס צו לינקס: 1) טעלזער ראש הישיבה הרב גיפטער מיט הרב נתן שערמאַן, ר׳ יהושע בראַנדלער און הרב מאיר זלאַטאָוויץ. 2) הרב גיפטער מיט הרב זלאַטאָוויץ, 3) ר׳ יהושע בראַנדלער מיט הרב משה שערער.

די וועכענטליכע פרשה חומש מיט מפרשים. אַוודאי איז עס אַזוי מיט די ספרי נ״ך און ניט אַנדערש איז עס מיט משניות. אָן אַן ענגלישע איבערזעצונג און אָן געהעריקע פירושים אויף ענגליש זענען זיי כמעט ווי אָפּגעשניטן פון אור התורה, אָבער מיט די ״אַרטסקראָל״ אויסגאַבן קענען זיי טאַקע ערשט רעכט אָנהויבן לערנען תורה, און אויב זיי האָבן דעם רצון קענען זיי אויך לערנען גאָר אַ סך. טויזנטער יונגע און עלטערע לערנען טאַקע היינט גאָר אינטענסיוו אויף דעם וועג. ואשרי חלקו פון ״אַרטסקראָל״ וואָס זיי האָבן אַנטפּלעקט אַזויפיל תורה פאַר די וואָס האָבן דערצו פריער ניט זוכה געווען.

אָבער ווי שוין אָנגעוויזן, קענען אויך פון די ענגלישע פירושים אויף תורה, נ״ך, משנה, פירוש המילות אין תפילה געניסן אַפילו די יעניקע וואָס האָבן געלערנט מערערע יאָרן אין ישיבות. מיטן אויסנאַם פון אמתע בני־תורה וואָס בלייבן פיל יאָרן ביים לערנען, אָדער וואָס זענען אינטענסיוו קובע עתים לתורה, איז יעדן פון זיי לייכטער צו לערנען חומש מיט מפרשים מיטן דער הילף פון ענגליש. און זאָל עס ניט זיין קיין חרפה, מיטן אויסנאַם פון יחידים, דאַרפן זיך געוויס כמעט אַלע מאַטערן, ווען עס קומט צו נ״ך, צו אַזעלכע ספרים ווי תהלים, יחזקאל און דניאל. ״אַרטסקראָל״ האָט פאַר זיי אַלע מגלה געווען און געעפנט נייע תורה־האָריזאָנטן...

וואָלט ״אַרטסקראָל״ מזכה געווען מיט תורה־וויסן בלויז די פיל טויזנטער אידן אין אַמעריקע, ענגלאַנד, אויסטראַליע און אַנדערע ענגליש־רעדענדע לענדער, וואָלט איר זכות געווען אין לשער. אָבער ווער איז דען דערצו בכוח אָפּצושאַצן דעם גרויסן זכות וואָס זי האָט זיך דערוואָרבן מיט ברענגען דערצו, אַז אויך אידן אין אַנדערע לענדער וואָס האָבן קיינמאָל ניט געהאַט די מעגליכקייט צו לערנען תורה, זאָלן אויף איינמאָל גאָר לייכט קענען אַנטדעקן איר ליכט? אָט קומט און הערט:

אידן וואָס זענען צוריקגעקומען פון רוסלאַנד און זיך באַקענט מיט די דאָרטיקע בעלי־תשובה, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן זיך מיט דער צייט דערוואָרבן היבשע מדרגות אין ידיעות התורה, האָבן דערציילט אַז זייער ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט תורה, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אויסגעלערנט דעם אידישן ״אַלף בית״ און אַביסל עברית, איז געווען דורך די ספרים פון ״אַרטסקראָל״. צו די אָריגינעלע מקורות, צי חומש, נ״ך און משניות האָבן זיי אין די ערשטע יאָרן פשוט ניט געהאַט קיין צוטריט. רוב ווערטער אין לשון קודש זענען פאַר זיי געווען ווילד־פרעמד און קיין רביים וואָס זאָלן מיט זיי לערנען זענען אויך אין רוסלאַנד ניט מער בנמצא. היות אָבער ווי רוב געבילדעטע אין רוסלאַנד קענען ענגליש, האָבן די ״אַרטסקראָל״ אויסגאַבן פאַר זיי ממש אויפגעפראַלט די טירן פון דער תורה הקדושה.

אָבער ניט נאָר אין רוסלאַנד און די ענגליש־רעדענדע לענדער. ניט לאַנג פאַר שבועות האָט מיך גערופן אַ פריינט פון מינכן מיט אַ ״פּראָבלעם״. אַ אידישער מחנך פון ישראל וועלכער לערנט אין דייטשלאַנד מיט קינדער און יוגנטליכע אַביסל אידישקייט, וויל מיט זיי פאַר שבועות לערנען ״אקדמות״. אָבער ער קען בשום אופן ניט אין דער גרויסער דייטשער ״יודאַאיקאַ־ליטעראַטור״ געפונען אַ טרעפליכע דייטשע איבערזעצונג פון דער טראַדיציאָנעלער פאָעמע לכבוד מתן תורה. איך האָב אים באַזאָרגט מיט לופט־פּאָסט ניט סתם אַן איבערזעצונג, נאָר די ״אַרטסקראָל״ אקדמות אויסגאַבע פון הרב אברהם יעקב סאַלאַמאָן מיטן גייסטרייכן אַריינפיר פון הרב נתן שערמאַן, וואָס איז ווי פיל אַנדערע ״אַרטסקראָל״־אויסגאַבן ממש אַ מייסטערווערק פון אידישע מחשבה.

אַזוי איז עס אויך אין פראַנקרייך און אין האָלאַנד, און אין אַ ריי שפּאַניש־רעדנדע לענדער, וואו ענגליש איז פאַר פיל אידן לײדער לייכטער ווי לשון קודש. אויך דאָרט גרייכט ״אַרטסקראָל״ מיט אירע תורה־שטראַלן.

הרב מאיר זלאַטאָוויץ און הרב נתן שערמאַן און זייערע מיטאַרבעטער

עס איז פאַרשטענדליך אונמעגליך אָפּצושליסן דעם מאמר וועגן ״אַרטסקראָל״ אָן אַ פּאָר ווערטער וועגן די צוויי אנשי־רוח און אנשי־חיל, די אָנפירער און רעדאַקטאָרן פון ״אַרטסקראָל״ הרב מאיר זלאַטאָוויץ און הרב נתן שערמאַן.

הרב מאיר זלאַטאָוויץ, דער ערשטער גרינדער פון ״אַרטסקראָל״ איז אַ תלמיד און מוסמך פון הגאון ר׳ משה פיינשטיין און אַ זון פון הרב ר׳ אהרן זלאַטאָוויץ, פון די חשובי הרבנים פון פריערדיקן דור און אַ לאַנג־יעריגער סגן נשיא פון אגודת הרבנים. אינטערעסאַנט איז דאָ אָנצואווייזן, אַז איידער ער האָט עטאַבלירט דעם ״אַרטסקראָל״־פאַרלאַג, האָט ער גאָר אָנגעפאַנגען זיין פּראָפעסיאָנעלע קאַריערע ווי אַ גראַפיקער, און זיך פאַרנומען מיט אַרויסגעבן קונסט־אַרבעטן און בראָשורן, הויפּטזעכליך פאַר ישיבות. אָט די פאַרבינדונג מיט דער תורה־וועלט האָט אים צוריקגעפירט אַליין צו ווערן אַ מרביץ־תורה. ער איז געווען דער וועלכער האָט אויסגעפלאַנט דעם בוי און די פאָרם פון פירושים אויף די כתבי הקודש פון ״אַרטסקראָל״, פערזענליך געאַרבעט אויף די איבערזעצונגען און פירושים און שטייט ביז היינט בראש פון דעם קאָלעגיום וואָס אַרבעט אויף די ווייטערע בענדער. אַליין איז ער דער מחבר פון צוועלף ״אַרטסקראָל״ ספרים און ער האָט אַ חלק און נאָך עטלעכע.

הרב נתן שערמאַן איז אַ מוסמך פון ״תורה ודעת״ און געוועזענער חבר הכולל פון בית מדרש עליון פאַר העכער זעקס יאָר. ער איז געווען דער מנהל פון דער קאַרלינער־סטאָלינער ישיבה און פריער אַ מלמד און דאַן דער סגן־מנהל פון דער ישיבה תורה תמימה צוזאַמען פאַר בערך 14 יאָר. צו דעם איז ער פאַר העכער זיבעצן יאָר דער רעדאַקטאָר פון ״עולמנו״, דער קינדער זשורנאַל וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון תורה ומסורה, אַ גייסטרייכער מחנך אַדורך און אַדורך פאַרמאָגט ער דעם כשרון פון קענען מיט פשטות מסביר זיין אַפילו גאַנץ טיפע רעיונות. דער דאָזיקער כשרון זיינער איז צו מערקן אין די אַריינפירן און הקדמות (אָדער ווי זיי ווערן אָנגערופן ״אָווערוויאוס״) צו די רוב אויסגאַבן פון ״אַרטסקראָל״, וועלכע העלפן פאַרטיפן און אויסברייטערן די תורה׳דיקע האָריזאָנטן און השקפה פון די לייענער. זיינע גרויסע טאַלאַנטן אַלס שריפטשטעלער און רעדאַקטאָר זענען בולט אין כמעט אַלע אויסגאַבן פון ״אַרטסקראָל״.

מען דאַרף דאָ אויך דערמאָנען אַ צאָל אַנדערע חשובע מחברים, וואָס האָבן מחבר געווען אָדער מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט פון אַ צאָל ״אַרטסקראָל״־אויסגאַבן ווי למשל, הרב משה אייזעמאַן, משגיח פון ״נר ישראל״ אין באַלטימאָר; הרב יוסף עליאַס, מנהל פון ריקה ברויערס סעמינאַר אין וואַשינגטאָן־הייטס; הרב אברהם חיים פויער, רב און געוועזענער מנהל פון דער מתיבתא, אין מיאַמי־ביטש; הרב הערש גאָלדוואורם, געוועזענער ר״מ אין ישיבות קאַרלין־סטאָלין און בעלז; הרב יוסף ראַבינאָוויטש, ראש ישיבה פון בית תורה און געוועזענער ראש־הכולל פון אַלענטאָן, פענסילוועניא; הרב מרדכי ראַבינאָוויטש פון ארץ ישראל; און הרב מתתי׳ ראָבערטס, דער נייער משגיח פון שערי תורה אין פאַרעסט הילס. דער הויפּט רעדאַקטאָר פון דער משניות סעריע איז הרב יחזקאל דאַנציגער פון לייקוואוד.

געווען גדולי ישראל וואָס האָבן אין ספרים אָנגעוויזן ווי וויכטיק ס׳איז, אַז ספרי־קודש זאָלן געדרוקט ווערן מיט אַ באַזונדערן הידור וואָס זאָלן טאַקע בוכשטעבליך און אין פשוטן זין פון וואָרט זיין מאירות עינים. דערפאַר איז אויך וויכטיק צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז אַלע אויסגאַבן פון ״אַרטסקראָל״ זענען טאַקע אַזוי און צייכענען זיך אויס מיט אַן אויסערליכער שיינקייט. ניט נאָר זענען די פירער פון ״אַרטסקראָל״ זאָרגפעלטיק פאַר דער גרעסט־מעגליכער שלימות אין תוכן, נאָר גיבן אויך אַכט אויף דער חיצוניות, אויף אויסזוכן די בעסטע און מאָדערנסטע שריפט און אויף אַ פראַכטפולע באַנד, וואָס מאַכט אָנגענעם דאָס האַלטן אין האַנט, דאָס לערנען פון זיי אין וואָס פאַרשיינען אויך מיט זייער פראַכט־בונד די ספרים שאַנק אין די היימען.

פאַר אָט דער שלימות קומט אַ באַזונדערע אַנערקענונג דעם טעכנישן און קינסטלערישן דירעקטאָר פון ״אַרטסקראָל״ ר׳ יעקב יהושע בראַנדלער, וועמענס קינסטלעריש אויג און קינסטלערישע הענט לייגט אַ חותם אויף אַלע ״אַרטסקראָל״ אויסגאַבן.

הדרכה און הסכמה פון גדולי ישראל

ווי מיר ווערן געוואויער האָבן די אָנפירער פון ״אַרטסקראָל״ פאַר יאָרן תמיד געזוכט וועגן זייערע אויסגאַבן די עצה און הדרכה פון אַנערקענטע גדולי התורה. אַזוי האָבן זיי זיך תמיד גע׳עצה׳ט מיט אָנווייזונגען די גאוני הדור הג״ר

משה פיינשטיין און הגאון ר׳ יעקב קאַמענעצקי אין אַ באַזונדערן חיזוק און הדרכה האָבן זיי פאַר אַלע יאָרן פון טעלזער ראש־הישיבה יבלח״ט הג״ר מרדכי גיפטער. הרב גיפטערס הדרכה איז פאַר זיי תמיד געווען פון גרויס חשיבות, און דאָס שוין פשוט דערפאַר ווייל הרב גיפטער, אַ געבוירענער אין אַמעריקע, איז צו זיין גאונות און איינער פון די גרויסע מחנכים פון אונזער דור אויך אַ מייסטער אין דער ענגלישער שפּראַך. אגב, אין די קומענדיגע וואָכן וועט ״אַרטסקראָל״ אַרויסגעבן אַ ליקוט פון הרב גיפטער׳ס גלענצענדיגע אַרטיקלען וועלכע ער האָט געשריבן במשך די לעצטע דרייסיק יאָר. (אַ סאַך פון זיי זענען צום ערשטן מאָל ערשינען אין ״דאָס אידישע וואָרט״). אַנדערע גדולים בתורה פון יונגערן דור אין אַמעריקע פון וועמענס הדרכה ״אַרטסקראָל״ געניסט, זענען הרב ר׳ דוד פיינשטיין ראש־ישיבה פון תפארת ירושלים און הרב ר׳ דוד קאהן, רב פון ״קהלת גבול יעבץ״ און באַקאַנט ווי איינער פון די וויכטיקסטע רביים און פוסקים פון ענגליש־רעדענדן דור פון רבנים און אַמעריקע.

* * *

צום שלוס אַ גאָר וויכטיקע באַמערקונג:

״אַרטסקראָל״ איז אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג און האָט זיך קיינמאָל ניט געוואָנדן צו אונזער ברייטן אידישן קהל פאַר הילף. דערפאַר איז נאָך מער דערפרייענד דער פאַקט, אַז אַ צאָל חשוב׳ע אידישע פערזענליכקייטן מיט יכולת האָבן אָן אַפּילן און בקשות אַליין פאַרשטאַנען די גרויסע חשיבות פון ״אַרטסקראָל״ און דעם גרויסן זכות וואָס זיי קענען זיך איינקויפן מיט צולייגן אַ העלפנדע האַנד צו דערמעגליכן די אייגנאַרטיקע ״הרבצת התורה״ אויף ענגליש פון ״אַרטסקראָל״. אַזוי, למשל, האָבן אַזעלכע גוט־באַקאַנטע אידישע נדבנים ווי ר׳ הירש וואָלף, ר׳ אלי׳ און ר׳ יוסף שטערן, ר׳ יוסף בערלינער און די בענדהיים משפחה אינטערגעשריבן די הוצאות פון געוויסע ״אַרטסקראָל״־אויסגאַבן לזכר נשמת פון זייערע נאָענטע.

נאָכדעם ווי מיר שטעלן זיך פאָר וואָס ״אַרטסקראָל״ וואָלט אַלץ געקענט דערגרייכן, ווען מער און מער פון אונזערע בעלי יכולת וואָלטן נאָכגעפאָלגט זייער ביישפּיל, קענען מיר בלויז זאָגן ״ירבו כמותם בישראל״.

* * *

און צו די פירער פון ״אַרטסקראָל״ און אַלע זייערע העלפער: כה לחי.

אַ מעלדונג און אַ בקשה פון אגודת ישראל צו אַלע אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס און מוסדות

מיר מאַכן דערמיט באַקאַנט די דאַטעס פון צוויי וויכטיקע מאַסן־פאַראַנשטאַלטונגען אין קומענדן יאָר תשמ״ז אי״ה:

די נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן פון אגודת ישראל

וועט פאָרקומען בע״ה

פון דאָנערשטאָג ביז זונטיק כ״ה—כ״ח חשוון

נאָוועמבער 27 ביז 30, 1986

*

דער יערליכער 65טער דינער פון אגודת ישראל

וועט פאָרקומען אי״ה

זונטיק כ״ה אייר תשמ״ז

דעם 24טן מאַי, 1987

מיר בעטן אַלע אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס זיך צו פאַרצייכענען און אָפּן האַלטן די דאָזיקע דאַטעס ביים פּלאַנען זייערע פאַראַנשטאַלטונגען און מסיבות.

ווינשט אייערע קרובים און פריינט איבער דער גאַנצער וועלט

לשנה טובה תכתבו

דורך אַריינשטעלן אַ לשנה טובה באַגריסונג אין דער

ראש השנה אויסגאַבע

פון

״דאָס אידישע וואָרט״

אָן אונטערשייד וואו עס לעבן אייערע קרובים און פריינט, אין ארץ ישראל אָדער אין אייראָפּע, אין דרום אַמעריקע אָדער אַפילו אין אויסטראַליע און דרום אַפריקע, — יאָ, איבעראַל וואו ס׳איז פאַראַן אַ אידישער ישוב, דערגרייכט דאָרט ״דאָס אידישע וואָרט״ און עס וועט אַזוי אַרום אויך דערגרייכן אייער ״שנה טובה״ ברכה צום נייעם יאָר.

די חשובסטע אָרטאָדאָקסישע רבנים און בעלי־בתים פון לאַנד און אויסלאַנד וועלן זיין פאַרטראָטן אין אָט דער אויסגאַבע. זייט אויך איר צווישן זיי. עס איז אַ כבוד פאַר אייך און אייער משפחה צו האָבן אייער נאָמען אין דעם ראש־השנה נומער פון ״דאָס אידישע וואָרט״.

נוצט דעריבער אויס די דאָזיגע געלעגנהייט און שיקט נאָך היינט אַריין אייער שנה טובה ברכה פאַר דער ראש־השנה אויסגאַבע פון ״דאָס אידישע וואָרט״!

באַגריסונגען פון יחידים: $18, $25 $36, $50

מוסדות און פירמעס: רופט אונז פאַרן פרייז

ענטפערט מיט דעם קופּאָן:

DOS YIDDISHE VORT

5 Beekman Street, New York, N. Y. 10038

ביטע שטעלט אַריין אין אייער ראש־השנה נומער די אונטען־אָנגעצייכענטע ראש השנה באַגריסונג.

איך לייג ביי.............$ אלס אָפּצאָל.

נאָמען ....

אַדרעס ....

שטאָט ....

☐ נוצט אייער סטאַנדאַרט נוסח

☐ ביילייגנד איז מיין נוסח